# הנחת אבן הפנה פאַר ריזיגער הויפּט־קוואַרטיר פון באָראָ פּאַרקער חברה הצלה קומענדיגן מיטוואָך

[פּאָרזעצונג פון זייט 70]

דיזעסטער אָדער קאַטעסטראָפע ח"ו. די עמוירדזשענסי שטאַב פון הצלה מוז זיין מושטירט און געלערנט ווי אַזוי צו האַנדלען אין אַזעלכע סיטואַציעס. די נייע געביידע וועט אויך ענטהאַלטן אַ פול אויסגעשטאַטע קאָמאַנד צענטער, וואָס וועט האָבן גענעראַטאָרן צו צושטעלן עלעקטער אין פאַל פון אַ קורץ שלוס. מ'האָפט אַז מ'וועט קיינמאָל נישט דאַרפן נוצן דעם צענטער, אָבער עס איז גוט עס צו האָבן און נישט דאַרפן נוצן, ווי חלילה עס דאַרפן און נישט האָבן.

במשך דעם גאַנצן וועג ביז אַהער, אין פּלאַנען און דורכגיין די ערשטע פאַזעס פון באַקומען דעם שטח פאַרן פּראָיעקט, איז דער פינאַנציעלער באָורד זייער שטאַרק צוגעשטאַנען דערצו. זיי זענען די נגידים און נדיבים, קרואי שם: מו"ה אברהם בערקאָוויטש, מו"ה אבא בידערמאַן, מו"ה דוד ביסטריצער, מו"ה אברהם איינהאָרן, מו"ה גרשון ענגל, מו"ה יצחק פריינד, מו"ה יוסף גאָלדבורד, מו"ה מאָטל כ"ץ, מו"ה יחיאל דוד לאָנדאָ, מו"ה לייבל רובין, מו"ה חיים הערש שאָן, פּראָפעסאָר אהרן טווערסקי, מו"ה ישראל ווייַנגאַרטן, און מו"ה משה זאַפיר ־ כל אחד בשמו הטוב יבורך.

## עולמות מלאים

אויף די הצלה'ס קאָנטע זענען שוין צוגעשריבן געוואָרן פילע געראַטעוועטע לעבנס, און גאַנצע דורות וואָס זענען אַרויסגעקומען פון די געראַטעוועטע. די הצלה מיטגלידער זוכן נישט קיין קרעדיט אויף דעם עול, און נאָכן ראַטעווען אַ מענטש און פאַרזיכערן אַז ער באַקומט די נויטיגע שפּיטאָל באַדינונגען, ווערן זיי נישט נאָכקוקען זיין געשיכטע, זיין ווייטערדיגע לעבן, צו זען די פירות פון זייער אַרבעט. אָבער דער קאָאָרדינעיטאָר משה דערציילט אַן אינטרעסאַנטע געשיכטע וואָס ער האָט לעצטנס געהאַט, אין וועלכע ער האָט צוריקגעהערט פון אַ דערפאָלגרייכע רעטונג.

ער האָט ערהאַלטן אַ חתונה איינלאַדענונג פון אַ משפחה וואָס איז אים געווען אומבאַקאַנט. נאָכן זיך נאָכפרעגן ביי זיין ווייב און קינדער, וועלכע האָבן אויך נישט געקענט יענע משפחה, האָט ער געקלערט אַז מסתמא איז עס בטעות אַדרעסירט געוואָרן צו אים.

פאָריגע וואָך באַקומט משה אַ טעלעפאָן רוף פון ר' ש., און יענער זאָגט אים: "איך האָב געהאָפט דיר צו זען ביי מיין טאָכטער'ס חתונה נעכטן נאַכט. וואו ביזטו געווען?" דער קאָאָרדינעיטאָר איז געווען איבערראַשט. ער האָט געדענקט די איינלאַדענונג פון דעם איד וואָס האָט זיך אים פאָרגעשטעלט מיט זיין נאָמען, אָבער ער האָט נישט געהאַט קיין אַנונג ווער דאָס איז. ער האָט געבעטן דעם איד ער זאָל אים דערמאַנען וואָס פאַר אַ שייכות ער האָט מיט אים און מיט די שמחה.

בערך זיבעצן יאָר צוריק, דערציילט דער איד, איז מיין טאָכטער ביילא אַלט געווען פיר יאָר, ווען זי איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטאָק מיט טרעפּ. איר פנים האָט זיך שטאַרק צוקלאַפּט און זי האָט געליטן ערנסטע שניט פון וועלכע ס'האָבן זיך געגאָסן בלוט. די משפחה האָט נאַטורליך אַלאַראַמירט די הצלה, און משה איז אָנגעקומען אויף די סצענע. "דו האָסט גענומען מיין טאָכטער'ס קעיס אונטער דיין פליגלען," האָט דער איד איצט דערציילט. ער האָט איר געפירט צו אַ הויפּט דאָקטאָר אין מייקראָ־סורדזשערי, וועלכער האָט איר פאַרנייעט אַז מ'האָט כמעט נישט באַמערקט קיין קראַץ. משה איז געבליבן מיט איר במשך די גאַנצע צייט, האָט דער גליקליכער טאַטע איצט דערציילט וואָס משה האָט שוין לאַנג פאַרגעסן.

אַ צווייטע ־ פיל קריטישערע ־ עפּיזאָד וואָס עס ליגט אין די ביינער פון דעם קאָאָרדינעיטאָר אליעזר, אַ מיטגליד אין הצלה שוין 38 יאָר, איז די פון דעם 32 יעריגן אינגערמאַן יאַנקל (געטוישטער נאָמען), וואָס האָט פּאַסירט אַן ערב פסח. ער האָט זיך אָנגעהויבן באַקלאָגן אַז עס דרוקט אים און ציעט אים ביי די טשעסט, אָבער אין אַזאַ פאַרנומענע טאָג האָט מען עס אָפּגעשטופּט, ביז ער האָט אָנגעהויבן פאַרלירן די באַוואוסטזיין. די הצלה איז אַלאַרמירט געוואָרן פון די פאַרפּאַניקטע משפחה.

די הצלה זענען אָנגעקומען, זיי האָבן געטראָפן יאַנקל אין אַ שרעקליכן צושטאַנד, און האָבן שנעל אָפּגעשאַצט אַז דאָס איז אַ קאַרדיאַק אַרעסט. זיי האָבן אַנגעהויבן שנעל און געניט צו אַרבעטן אים צוריק אויפצולעבן. מ'האָט אים שאָקירט און געגעבן מעדיצין זיבן מאָל. "יעדעס מאָל וואָס מיר האָבן אים אַרויפגעברענגט, איז ער צוריק אַראָפּ," דערציילט אַ צווייטער מעמבער, נפתלי, וועלכער האָט געאַרבעט אויף אים.

די פאַמיליע איז געווען דערשראָקן און אין אַנגסט, איינזעענדיג אַז זייער טאַטע ראַנגעלט זיך מיטן לעבן, בעת די הצלה האָט אים אַריינגעיאָגט אין שפּיטאָל, וואו מ'האָט אים שאָקירט נאָך צוואָנציג מאָל און ענדליך סטאַביליזירט זיין מצב. אונטערזוכונגען האָבן געוויזן אַז זיינע האַרץ אָדערן זענען כמעט גענצליך פאַרשטאָפּט און מ'האָט אים אָנגעהויבן אַ באַלון פּראָצעדור וועלכע האָט עס צוריק געעפנט. היינט צו טאָגס איז יאַנקל גענצליך ערהוילט, און פירט אַ נאָרמאַל געזונט לעבן.

עס זענען דאָ הונדערטער אינגלעך, מיידלעך, בחורים, פרויען, טאַטעס, זיידעס און באַבעס, וועלכע קענען היינט דערציילן ערנסטע און נישט אַזעלכע ערנסטע געשיכטעס פון חברה הצלה ־ ביי איינעם האָט די הילף אויסגעמאַכט די גענצליכע פאַרהיילונג פון ערנסטע וואונדן אויפן פנים, אָבער ביי אַנדערע האָט עס באַדייט אַז זיי די קינדער זענען חלילה נישט פאַר'יתום'ט געוואָרן. די אונטערשטע שורה אַז די הצלה שטייט גרייט און העלפט מענטשן אין זייערע שווערסטע צייטן.

אָבער רוב מענטשן פאַרשטייען נישט וואָס ס'איז פאַרבינדן מיט קענען דורכפירן די אַקטיוויטעטן. די הצלה וואַלאָנטירן קומען אָן צו די סצענע אין אַרום צוויי מינוט, אָבער אונטער זייער געניטע אַרבעט ליגט יאָרן פון מושטירונגען, און ריזיגע געלטער און כוחות צו צושטעלן און אויפהאַלטן די בעסטע געצייגן.

"ווען מיר זאָלן נישט באַגרייפן דעם פאַרנעם פונעם פּראָבלעם און איר ערנסטקייט," זאָגט נפתלי. "וואָלט ער געווען... מיטן אייבערשטען'ס הילף האָבן מיר געקענט ראַטעווען זיין לעבן." ער לייגט צו: "איך געדענק ס'איז געווען ערב פסח. איך האָב שיעור נישט פאַרברענט מיין חמץ יענעם יאָר".

אליעזר דערציילט: "מיר האָבן נאָרוואָס גראַדואירט זעקס מיטגלידער אַלס "אדוועַנסד לייוו סופּאָרט" מעדיקס. זייערע טרעינינגס קאָסטן אונז איבער $40,000." אין צוגאָב דאַרף מען זיי צושטעלן לייוו פּעק מאַניטאָרס און אַנדערע געצייגן פאַר $150,000. ד.ה. אַז זיי זאָלן זיין פולקאָם גרייט וועט קאָסטן אַ סך הכל פון $190,000. אָבער וויבאַלד די הצלה האָט איינגעזען די וויכטיקייט עס צו האָבן ־ צוליב די איבערגעפולטקייט און איבערגעשטרענגקייט פון די שפּיטעלער, וואָס פאַרלאַנגט אַז די הצלה זאָל אַליין קענען צושטעלן קריטישע לעבנס וויכטיגע הילף ־ האָט מען זיך עס אונטערגענומען. היינט צו טאָגס האָט די הצלה דרייסיג אַזעלכע פּאַראַמעדיקס גרייט צו ראַטעווען לעבנס.

די הצלה גיט אַוועק זייער לעבן אין צייט פאַר מענטשן. זייער צופרידנהייט איז "גוטע אויסגאַנגן און פרייליכע ענדעס. אויב אַ מענטש קען לעבן צו אונטערפירן זייערע קינדער אונטער די חופה, דאָס איז וואונדערבאַר. דאָס האַלט אונז אָן ווייטער צו גיין."

צו נעמען אַנטייל אין די ריזיגע הוצאות, אָדער צו ספּאַנסאָרן פאַר דעם נייעם הויפּט־קוואַרטיר, קען מען רופן 718.871.6644.


SIMCHA SCHARF
BEHAVIOR AND SOCIAL SKILLS SPECIALIST
FOR BOYS AGES 5-20
WILLIAMSBURG OFFICE
(718) 963-0090





# הנחת אבן הפנה פאַר ריזיגער הויפּט־קוואַרטיר פון באָראָ פּאַרקער חברה הצלה קומענדיגן מיטוואָך

## מעיאָר בלומבערג און הויכראַנגיגע באַאַמטע וועלן זיך באַטייליגן

באָראָ פּאַרק ־ קומענדיגן מיטוואָך, מאַרטש 11, וועט פּאָרקומען אַן אבן הפנה צערעמאָניע אויפן אָרט וואו די חברה הצלה דבאָראָ פּאַרק ־ וועלכע איז היינט די גרעסטע וואַלאָונטיר אַמבולאַנס אָרגאַניזאַציע אין די פאַראייניגטע שטאַטן ־ וועט אי״ה אויפשטעלן אַ דריי שטאָקיגע הויפּט־קוואַרטיר, וואָס וועט אויך ענטהאַלטן אַ רייע גאַראַדזשעס און אַ קאָמאַנד צענטער פון וואו עס וועלן געפירט ווערן די געטרייע הילף אַרבעט.

אָפּצוצייכענען דאָס צוטרעטן צום דעם גראַנדיעזן פּראָיעקט, און צו צייגן זייער שעצונג פאַר די חברה הצלה און פאַרן באָראָ פּאַרקער ציבור וועלכע עס באַדינט, וועלן אָנוועזנד זיין מעיאָר בלומבערג און אַ רייע עפנטליכע און ערוויילטע באַאַמטע, אַריינגערעכנט די סיטי קאָונסיל־לייט ר׳ שמחה פעלדער און ביל דעבלאַזיאָ, וועלכע זענען געווען אינסטרומענטאַל און בייהילפיג צושטאַנד צו ברענגן דעם פּראָיעקט.

דער נייער הויפּט־קוואַרטיר וועט העלפן פאַרבעסערן און מאַכן מער פאָרגעשריטן די וויכטיגע הצלת נפשות הילף וואָס ווערט צוגעשטעלט דורך די באָראָ פּאַרקער חברה הצלה. עס איז אַ שטאַרקער טריט פאָראויס אין די נאָכאַנאַנדע פאָרשריט וואָס די אָרגאַניזאַציע מאַכט במשך די 35 יאָר פון די גרינדונג פון הצלה אין באָראָ פּאַרק אין תשל״ב.

עס איז העכסט איינדרוקספול אַז במשך איר קורצע צייט ־ האַלטנדיג בלויז 32 יאָר נאָכן אָנהייבן טראַנספּאָרטירן פּאַציענטן אין סטעישאָן וואַגאָנען (וואָס ׳מהאָט אָנגעהויבן אין ל״ו), און קנאַפּע דרייסיג יאָר נאָכן קויפן דעם ערשטן אַמבולאַנס — אין די הצלה אויסגעשטיגן צו זיין די גרעסטע וואַלאָונטיר אַמבולאַנס סערוויס דורכאויס דאָס לאַנד.

אַנדערש ווי אַנדערע הצלה גרופּעס — פון וועלכע עס זענען היינט דאָ צענדליגער — וועלכע סערווירן זייער ספּעציפישע געגנט, שטייט די באָראָ פּאַרקער הצלה צום דינסט פון נאָך אַ רייע געגנטן אַרום באָראָ פּאַרק — אַריינגערעכנט בענסאָנהורסט, סיגעיט, בעי רידזש און פּאַרק סלאָופּ. דאָס שליסט אַריין אַן אויסערגעוועהנליך ריזיגע טעריטאָריע און עס באַדייט אַז עס דאַרף זיין גרייט זייער אַסאַך וואַלאָונטירן צו לויפן במשך יעדע צייט אין זייער אַסאַך געגנטן, צו פאַרזיכערן אַ שנעלע רעאַקציע. היינט צו טאָגס זענען דאָ איבער 150 הצלה מיטגלידער אין די באָראָ פּאַרקער דיוויזיע, וועלכע וואוינען און אַרבעטן פאַרשפּרייט דורכאויס די פאַרשידענע געגנטן.

באָראָ פּאַרק׳ס הצלה רעאַגירט צו צוועלף טויזנט רופן יערליך, וואָס באַדייט אַרום 33 הילף רופן טעגליך. דאָס שליסט אַריין רופן טיף אינמיטן די נאַכט, אין די שווערסטע וועטער, און די רופן שליסן איין די שווערסטע עמוירדזשענסיס, און צומאָל שטעלן זיך אפילו וואַלאָונטירן און ריזיקע צו העלפן מענטשן. די הצלה׳ס רעאַקציע צו די שרעקליכע 9/11 אַטאַקע איז לעגענדאַר, וואָס בלויז בחסדי ה׳ זענען אַלע וואַלאָונטירן געראַטעוועט געוואָרן אומבאַשעדיגט.

צייט איז קריטיש ווען עס קומט צו רעאַגירן צו ערנסטע פעלער, און די הצלה האָט ב״ה אַ גאָר פלינקע רעאַקציע רעקאָרד פון אונטער דריי מינוט פאַר רוב פון די רופן. דאָס ווערט דערגרייכט דורך אַ רייע מיטלען, אין צוגאָב צו די געטריישאַפט און פלינקשאַפט פון די וואַלאָונטירן, וועלכע קומען פון פאַרשידנאַרטיגע געגנטן. עס שליסט אויך אַריין אַ קאָמפּיוטעריזירטע דיספּעטש סיסטעם וואָס העלפט די דיספּעטשערס און דרייווערס טרעפן אַ פּלאַץ שנעלער און מיט אַ שטערקערע פּונקטליכקייט.

הצלה ענדיגט נישט זייער אַרבעט ביים אַראָפּשטעלן אַ פּאַציענט אין שפּיטאָל, נאָר בלייבן דאָרט זיכער צו מאַכן אַז די שפּיטאָל אַרבעטער געבן די ריכטיגע הילף. די הצלה איז אויך געווען אינסטרומענטאַל אין די עפענונג פון דריי סטראָוק צענטערן אין די לאָקאַלע שפּיטעלער, מעטאָדיסט, לוטערן און מאַימאַנידעס, צו פאַרזיכערן אַז אין פאַל פון אַ סטראָוק — ווען יעדע מינוט קען אויסמאַכן אַ ריזן חילוק פאַר יאָרן — ערהאַלט מען קריטישע שנעלע הילף. אויך אַרבעטן זיי שטענדיג צו פאַרבעסערן די באַדינונגען פאַר פּאַציענטן אין שפּיטעלער.

״מיר קענען רואיגערהייט זאָגן אַז ממש יעדע משפּחה אין די געמיינדע איז געקומען אין באַריר מיט אונזערע באַדינונגען, אין איין וועג אָדער אַן אַנדערן,״ זאָגט אַ קאָאָרדינעיטאָר.

### דער נייער הויפּט־קוואַרטיר

במשך די לעצטע צוואָנציג יאָר איז די הצלה געפירט געוואָרן פון די איצטיגע הויפּט־קוואַרטיר אויף די 16׳טע עוועניו און 53׳סטע גאַס. דער לאָקאַל איז טאַקע גוט געווען פאַר אַ שטיק צייט, דינענדיג דעם צוועק, אָבער מיט די אויסברייטערונג פון די געגנט וואָס זי דעקט, די צאָל וואַלאָונטירן און פאָרשריט אין די הילף וואָס זי שטעלט צו, איז די הצלה שוין לאַנג אויסגעוואַקסן דעם אָרט און נויטיגט זיך וויכטיג אין אַ גרעסער פּלאַץ.

היינט צו טאָגס שטייט די הצלה מיטגלידער שוין פירפאַכיג מער ווי די פערציג מיטגלידער וועלכע עס האָט איינגעשלאָסן בעת מ׳האָט געבויט דעם איצטיגן צענטער. די ענגשאַפט איז נישט בלויז אומבאַקוועם פאַר די געטרייע הצלה מיטגלידער, נאָר עס ערלויבט נישט אויסצופירן די אַרבעט אויפן בעסטן פאַרנעם, וואָס באַדייט אַז עס קען חלילה שטערן צו צושטעלן פּיקוח נפש הילף.

זוכנדיג אַ נייעם אָרט, האָט די הצלה באַשלאָסן אַז אַ שטח אויפן ווינקל פון די 37׳סטע גאַס און די 14׳טע עוועניו איז זייער געאייגנט צו דינען דעם ציל. דער פּלאַץ איז ״אַ שטאָטישע אייגענטום רעילראָוד רייט אָוו ועי (ד.ה. אַ פּלאַץ וואָס די רעגירונג האָט גענומען פאַר טראָנספּאָרטאַציע געברויכן).״ אונטער די געזעצן דאַרף דער אָפּקויף פון אַזאַ שטח באַשטעטיגט ווערן פון פאַרשידענע אַגענטורן. די לעגאַלע פּראָצעדור צו באַקומען די באַשטעטיגונג, האָט די הצלה שנעל אויסגעפונען, איז זייער נישט לייכט.

די הצלה מיטגלידער און קאָאָרדינירער האָבן אַנטייל גענומען ביי כמעט צוואָנציג עפנטליכע הירינגס מיט פאַרשידענע סיטי אַגענטורן, און מיט געמיינדע מיטגלידער פון אַלע שיכטן און סאָרטן. די אָרגאַניזאַציע האָט געאַרבעט נאָנט מיט די פּאָליציי דעפּאַרטמענט, טראַנספּאָרטאַציע דעפּאַרטמענט, באָראָ פּרעזידענט און פאַרשידענע סיטי אַגענטורן און באַאַמטע, זיך מוטשענדיג מיט אַ קאָמפּליצירטע ביוראָקראַטישע פּראָצעדור במשך צוויי און אַ האַלב יאָר. ענדגילטיג, האָט די סיטי קאָונסיל און באָראָ פּרעזידענט מאַרטי מאַרקאָוויטש ב״ה איינשטימיג באַשטעטיגט אַז די הצלה זאָל קענען באַקומען דעם שטח.

צווישן די מעלות פון דעם נייעם צענטער וועט זיין דאָס פּלאַץ. אליעזר, אַ הויכראַנגיגער הצלה קאָאָרדינעיטאָר, ערקלערט אַז היינט צו טאָגס איז נישטאָ קיין פּלאַץ צו זיצן ביי די פילע מושטירונג סעסיעס וואָס ווערט געגעבן פאַר די חברה הצלה ־ דאָס שליסט אַריין די שטענדיגע סעסיעס אויפצופרישן און פאַרבעסערן זייערע מעדיצינישע קענטעניסן, און שיעורים אין הלכות שבת, הל׳ צניעות, און נאָך הלכות וואָס זענען נוגע, וועלכע ווערן געגעבן דורך די וועד הרבנים פון די הצלה דבארא פּאַרק, און פירנדע רבנים און ראשי כוללים.

נאָך אַ ביישפּיל פאַרוואָס ס׳פעלט אויס נאָך פּלאַץ, זאָגט אליעזר, איז ״מיר האָבן העכסט פאָרגעשריטענע געצייגן, אָבער זייער ווייניג פּלאַץ עס צו האַלטן.״ ער זאָגט אויך אַז דער פאַקט אַז די פּלאָטע אַמבולאַנסן דאַרפן ווערן געפּאַרקט אויף דער גאַס באַדייט אַז ״מיר פאַרברענגען טייערע מינוטן אָנצוואַרימען די דיזעל מאָטאָרן אין ווינטער און זיי אָפּצוקילן אין זומער יעדעס מאָל וואָס מיר באַקומען אַ רוף.״

דער נייער צענטער וועט אויך דינען צו צושטעלן וויכטיגע לעקציעס און טרעניניגס פאַרן ברייטן ציבור איבער געזונטהייט און ערשטע הילף טעמעס.

אויך וועט עס העלפן זיין גרייט על כל צרה שלא תבא, אויף אַ נאַטורליכע

[פאָרזעצונג אויף זייט 67]

